פרשת ויגש תשפ"ג
גליון 54

# א גריס פון
# בית פיגא

## א בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך, יום ב' פרשת ויצא, ד' כסליו, שנת תשפ"ג לפרט קטן

*... תמי', תלמידה בית פיגא ירושלים*

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך האב זייער הנאה צו הערן די גוטע גרוסן פון בית פיגא שולע אין ירושלים; דאס מערסטע פריי איך זיך ווען איך הער פון די לערערינס אז אלע תלמידות זענען זייער דרך ארץ'דיג, מען רעדט נישט ווען די לערערין רעדט, מען לאכט נישט פון לערערינס, מען איז ערנסט ביי די לימודים.

בנוגע וואס איר זאלט זיך פארנעמען לכבוד אייער געבורט'ס טאג; נעמט זיך פאר, ווען איר גייט ארויס פון שטוב לייגט די האנט אויף די מזוזה און בעטס דעם אייבערשטן די קורצע תפילה: "הייליגער באשעפער, העלף מיר איך זאל צוריק אהיים קומען געזונט און שטארק", און ווען איר קומט אהיים זאלט איר לייגן די האנט אויף די מזוזה און זאגן: "שכוח אייבערשטער אז איך בין צוריק אין שטוב געזונטערהייט"; דאס איז א גוטע זאך זיך פארצונעמען, אזוי וועט איר זיין אפגעהיטן אייער גאנצע לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

# די פארלוירענע בת מלך

## סיפורי מעשיות מעשה א'

### חלק ח'



אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט עֶפֶּעס פַארְזוּכְט פוּן דֶעם קְוַואל. אִיז עֶר תֵּיכֶּף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן אוּן הָאט גֶעשְׁלָאפְן כַּמָה שָׁנִים זִיבֶּעצִיק יָאר.



זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַסַאךְ חֲיָילוֹת מִיט דִי אוֹבַּאזִין וָואס גֵייעֶן זֵיי נָאךְ. אוּן דֶער מְשָׁרֵת הָאט זִיךְ בַּיי הַאלְטְן פַאר דִי חֲיָילוֹת. נָאךְ דֶעם אִיז גִיגַאנְגֶען אֵיין קַארְטֶע אוּן דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דִי בַּת מֶלֶךְ. הָאט זִי זִיךְ גִישְׁטֶעלְט לֶעבֶּן אִים. אוּן אִיז אַרָאפּ גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט זִיךְ גִיזֶעצְט לֶעבֶּן אִים.

פארזעצונג קומט אי"ה

# מיידלעך דערציילן

## מעשיות פון תפילה

### רחל וועבערמאן דערציילט:

אונז האבן געהאט א חנוכה מסיבה אין סקול, און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן אסאך פאן און עס זאל זיין זייער פרייליך און ש'כח אייבערשטער עס איז געווען אזוי געשמאק!

### שפרה פעלבערבוים דערציילט:

שבת חנוכה איז די ראש ישיבה געווען אין שטעטל, און איך האב זייער שטארק געוואלט קענען מיטהאלטן די באטע און סיפורי מעשיות. אבער אונז וואוינען זייער ווייט פון די שול, און איך האב נישט געוואוסט אויב איך וועל קענען גיין. האב איך געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל יא קענען גיין הערן שיינע חיזוק פון די ראש ישיבה, און די אייבערשטער האט געהאלפן איך האב געקענט גיין צו די באטע שבת ביינאכט און צו סיפורי מעשיות שבת צופרי. ש'כח אייבערשטער!

### חוי שפילמאן דערציילט:

איך האב געוואלט גיין צו א סטאר קויפן עפעס וואס איך האב געדארפט, אבער איך האב נישט געוואוסט אויב זיי זענען נאך אפן. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז זיי זאלן זיין אפן ווען איך קום אן, און ש'כח אייבערשטער די סטאר איז געווען אפן!

# נייעס אין בית פיגא

איין טאג האט די עלטסטע קלאס אין וויליאמסבורג געהאט א סורפרייז! מרת שטעסל, א לערערין פון בית פיגא ירושלים, איז געקומען געבן א הערליכע שיעור פאר די מיידלעך אויף כיבוד אב ואם. אזוי ווי אירע עלטערן זענען שוין עלטער, האט זי געקענט מיטיילן אינטערעסאנטע מעשיות ווי זי האט מכבד געווען איר טאטע און איר מאמע צו די העכסטע שטאפל אזוי ווי די ראש יישבה לערנט אונז אויס.

אויך האט זי געוויזן שיינע בילדער פון די בית פיגא אין ירושלים, מען זי ווי די מיידלעך לעבן מיט די אייבערשטער, זאגן תהלים, און הערן אויס זייערע טיטשערס. ב"ה עס עפנט זיך מער און מער בית פיגא סקול ווי מען לערנט די עצות פון די הייליגע רבי, צו בעטן די אייבערשטער אויף יעדע זאך.

# בית פיגא קאך

## Melt in mouth cookies

**Ingredients:**

2 cups flour

1 cup confectioners sugar

3 sticks margarine

1 tsp vanilla sugar

1 cup corn starch

**Directions:**

Mix all ingredients, then refridgerate for 30 minute. Bake for 18 minutes on 350$^{o}$.



געדענקט צו בעטן דער אייבערשטער
אז ס'זאל גיין געלונגען!

**מזל טוב!**
**רותי מזרחי**
**איר מאמע האט געבוירן א אינגל בעיבי!**

**מזל טוב!**
**מרת ש. מייזעלס**
**צו איר נייע אינגל בעיבי!**

**מזל טוב!**
**פערי פוקס**
**(מאיער)**
**צו איר חתונה!**